# HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

# (Yiddish)

## בענעפיטן

### בין איך בארעכטיגט פאר פינאנציעלע בענעפיטן דורך HASA?

**בארעכטיגונג קריטעריע:** צו זיין בארעכטיגט פאר קעש הילף (CA) בענעפיטן, דארפן קליענטן נאכקומען ניו יארק סטעיט בארעכטיגונג שטאפל פון געברויך. פאר אן איין-מענטש הויזגעזונד, טוען מיר ערשט בודזשעטן אלע איינקונפט, רענט און HASA סופלעמענטס צו באשטימען אויב די קליענט בלייבט איבער מיט ווייניגער ווי $376 פער חודש (די סומע ווענדט זיך איז די הויזגעזונד מאס). אויב די קליענט קומט נאך די שטאפל פון געברויך, זענען זיי בארעכטיגט פאר רענט הילף און מעגליך אויך CA אויב די רענט ליעס איז באשטעטיגט דורך HASA.

**איינקונפט באגרעניצונג:** די סך הכל הויזגעזונד איינקונפט מוז זיין אונטער 200% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל (Federal Poverty Level, FPL) פאר די הויזגעזונד מאס.

**פארלאנג צו באצאלן 30% פון די קליענט'ס איינקונפט פאר רענט:** קליענטן וואס קומען נאך בארעכטיגונג באדינגונגען, וואוינען אין פריוואטע מארקעט האוזינג און וואס האבן סיי וועלכע סארט איינקונפט אנדערש ווי CA זענען פארלאנגט צו באצאלן 30% פון זייער גראוס הויזגעזונד איינקונפט פאר רענט. די הויזגעזונד איינקונפט אויסגערעכנט איידער סיי וועלכע איגנארירונגען. די קליענט׳ס רענט און ליעס מוז זיין באשטעטיגט דורך HASA.

### וואס איז די פארדינטע איינקונפט איגנארירונג (Earned Income Disregard, EID), און וועלכע קליענטן זענען בארעכטיגט?

**די פארדינטע איינקונפט איגנארירונג (Earned Income Disregard, EID)** איז אן ארבעטס אינצענטיוו פאר געניסער פון CA וואס רעדוצירט די ווירקונג פון ארבעט איינקונפט אויף זייערע CA בענעפיטן. עס זענען דא צוויי סארטן פארדינטע איינקונפט איגנארירונגען. איינס איז אן איינמאליגע זעקס-חדשים'דיגע 100% פארדינטע איינקונפט איגנארירונג. די צווייטע איז אן אנגייענדע 64% פארדינטע איינקונפט איגנארירונג.

**EID איז בלויז אוועילעבל פאר קליענטן וואס באקומען שוין CA** און איז נישט גילטיג פאר סיי וועלכע אנדערע הילף פראגראמען וואס נוצן איינקונפט אלץ א פאקטאר פאר בארעכטיגונג (ד.מ., סופלעמענטל נוטרישאן הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP))

נישט-פארדינטע איינקונפט אזויווי סאושעל סעקיוריטי איינקונפט אדער וועטעראנען׳ס בענעפיטן זענען יעצט נישט בארעכטיגט פאר סיי וועלכע איגנארירונגען.

איינמאל א הויזגעזונד ווערט באשטימט אלץ בארעכטיגט פאר אנגייענדע בענעפיטן, זענען זיי בארעכטיגט צו באקומען אן פארדינטע איינקונפט איגנארירונג.

<u>**באמערקונג**</u>: איינקונפט ווערט **נישט** איגנארירט ווען מען באשטימט די ערשטע בארעכטיגונג.

# HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

## בענעפיטן *(פארגעזעצט)*

### וואס איז די איינמאליגע זעקס-חדשים'דיגע 100% פארדינטע איינקונפט איגנארירונג?

די 100% פארדינטע איינקונפט איגנארירונג איז א קורץ-טערמיניגע EID וואס גייט אן פאר די זעקס-חדשים'דיגע צייט אפשניט גלייך נאך וואס א קליענט הייבט אן א נייע פולע- אדער טיילווייזע באשעפטיגונג. אין דעם פאל, ווערט 100% פון די קליענט'ס איינקונפט איגנארירט אין די ווידער-באשטעטיגונג פון CA בארעכטיגונג. יעדע מענטש אין די הויזגעזונד איז בארעכטיגט פאר די זעקס-חדשים'דיגע 100% EID איינמאל אין זייער לעבן.

איינמאל איר געבט אריין פעי סטאבס פאר די לעצטע 30-טאגיגע תקופה, וועט HASA באשטימען אייער בארעכטיגונג.

די זעקס-חדשים'דיגע תקופה איז נאכאנאנד און קען נישט ווערן אפגעשטעלט אינדערמיט. דערפאר, אויב א קליענט פארלאזט זיין ארבעט דורכאויס דער צייט, וועט די זעקס-חדשים'דיגע תקופה ווייטער ווערן אראפגערעכנט. פונדעסטוועגן, אויב א קליענט טרעפט א נייע ארבעט אין די ערשטע זעקס-חדשים'דיגע תקופה, קען די איינקונפט פון יענע נייע דשאב מעגליך זיין בארעכטיגט צו ווערן איגנארירט ווי לאנג עס איז נאך פארבליבן צייט אין די זעקס-חדשים'דיגע תקופה. **ביישפיל:** א קליענט הייבט אן א נייע דשאב סעפטעמבער 2, 2025. די זעקס-חדשים'דיגע EID תקופה הייבט זיך אן סעפטעמבער 2, 2025, און וועט זיך ענדיגן פעברואר 1, 2026. די קליענט פארלאזט יענע דשאב דעצעמבער 9, 2025. די זעקס-חדשים'דיגע EID ווערט ווייטער אראפגערעכנט. די קליענט הייבט אן א נייע דשאב יאנואר 6, 2026. אויב איז ער אויסער דעם בארעכטיגט, וועט די קליענט'ס איינקונפט ווערן איגנארירט פאר די פארבליבענע חלק פון די זעקס-חדשים'דיגע תקופה (וואס ענדיגט זיך פעברואר 2026).

### וואס איז די אנגייענדע 64% EID און ארבעט אויסגאבן אראפרעכענונג?

אויב בארעכטיגט, וועט זיין גילטיג אן אנגייענדע EID פון 64% נאך די זעקס חדשים'דיגע תקופה פון 100% EID. דערצו, איז דא א צוויי-מאל-א-חודש געווענליכע ארבעט אויסגאבן אראפרעכענונג (Standard Work Expense Deduction) פון 75 דאלאר. די געווענליכע ארבעט אויסגאבן אראפרעכענונג ווערט גערעכנט צוויי מאל א חודש פאר די איינקונפט וואס בלייבט איבער נאכ'ן 64% EID.

- ★ די פראצענט פון איינקונפט וואס ווערט איגנארירט שטייט יעצט ביי 64% אבער קען ווערן געטוישט יעדע ערשטע טאג אין יוני.

### וויאזוי טוט EID ווירקן אויף מיין טייל פון 30% אינעם רענט?

איינקונפט ווערט **נישט** איגנארירט ווען מען רעכנט אויס א קליענט'ס טייל פון 30% אינעם רענט אויסער אויב די קליענט איז בארעכטיגט פאר די 100% EID.

# HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

## בענעפיטן *(פארגעזעצט)*

### פעלער ביישפילן

**ביישפיל A: HASA אפליקאנט וואס האט נישט קיין שום סארט איינקונפט.**

די אפליקאנט האט נישט קיין שום פארדינטע אדער אומפארדינטע איינקונפט.

חודשליכע רענט = $1,419

די אפליקאנט האט נישט קיין שום פארדינטע אדער אומפארדינטע איינקונפט.

חודשליכע רענט = $1,419

$0 איינקונפט - ($1,419 רענט + $25.10 N&T $158.00 + ענערגיע ערלויבעניש) = $1,602.10- דעפיציט

- די דעפיציט איז וויניגער ווי די ניו יארק סטעיט שטאפל פון געברויך פון $376.

די אפליקאנט איז בארעכטיגט פאר קעש און רענט הילף.

HASA באצאלט די פולע $1,419 רענט צום לענדלארד ווייל די קליענט האט נישט קיין איינקונפט.

די אפליקאנט באקומט א 376 דאלאר קעש גרענט פאר עסנווארג און אנדערע אויסגאבן וויבאלד זיי האבן נישט קיין איינקונפט.

**ביישפיל B: אפליקאנט'ס איינציגסטע איינקונפט איז סאושעל סעקיוריטי איינקונפט, וואס איז וויניגער ווי זייער רענט.**

אפליקאנט'ס SSI = $1,000

חודשליכע רענט = $1,419

$1000 איינקונפט - ($1,419 רענט + $158.00 N&T + $25.10 ענערגיע ערלויבעניש) = $602.10- דעפיציט

- די דעפיציט איז וויניגער ווי די ניו יארק סטעיט שטאפל פון געברויך פון $376.

די אפליקאנט איז בארעכטיגט פאר רענט הילף.

די אפליקאנט'ס טייל פונעם רענט איז 30% פונעם איינקונפט: $1,000 x 30% = $300.00

HASA באצאלט די איבעריגע באלאנס פון די רענט, $1,119.00, דירעקט צום לענדלארד.

פארבליבענע איינקונפט נאכ'ן באצאלן רענט ($1,000 – $300 = $700) איז העכער פון די ניו יארק סטעיט שטאפל פון געברויך $376, דערפאר באקומט די אפליקאנט נישט קיין קעש גרענט.

**ביישפיל C: אפליקאנט'ס איינציגסטע איינקונפט איז סאושעל סעקיוריטי דיסאביליטי, וואס איז מער ווי זייער רענט.**

אפליקאנט'ס SSD = $2,000

חודשליכע רענט = $1,419

$2,000 - ($1,419 רענט + $158.00 N&T + $25.10 ענערגיע ערלויבעניש) = $397.90- סורפלוס

די דעפיציט איז העכער ווי די ניו יארק סטעיט שטאפל פון געברויך פון $376.

די אפליקאנט איז נישט בארעכטיגט פאר קעש און רענט הילף.

א באזונדערע באשלוס וועט ווערן געמאכט פאר SNAP און Medicaid.

**(מישט די בלאט)**

# HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

## בענעפיטן *(פארגעזעצט)*

### פעלער ביישפילן *(פארגעזעצט)*

**ביישפיל D: א HASA קליענט הייבט אן א נייע דשאב אויף יאנואר 1, 2025 - פארדינענדיג $2,000 א חודש (גראוס).**

קליענט וואוינט אין זעלבסשטענדיגע האוזינג, חודשליכע רענט = $1,800

די יערליכע גראוס איינקונפט איז $24,000, וואס איז אונטער 200% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל (FPL) פאר אן איין-מענטש הויזגעזונד (200% x $15,650 FPL = $30,300).

- קליענט איז בארעכטיגט פאר 100% EID פאר די ערשטע זעקס חדשים פון די נייע באשעפטיגונג.

***פאר די ערשטע זעקס חדשים:***

- אלע איינקונפט ווערט איגנארירט ווען מען באשטימט CA בארעכטיגונג פאר בענעפיטן.
- $0 איינקונפט - ($1,800 רענט + $158.00 N&T +$25.10 ענערגיע ערלויבעניש) =
- $1,983.10- דעפיציט
- HASA באצאלט די פולע $1,800 רענט צום לענדלארד ווייל די קליענט האט נישט קיין איינקונפט.
- קליענט איז בארעכטיגט פאר $376 קעש גרענט ווייל זיי ווערן אפגעשאצט ביי $0 איינקונפט.

***ווען די זעקס-חדשים 100% EID צייט אפשניט איז אריבער:***

- ($2,000 א חודש x 64% איגנארירונג) = $1,280 ווערט איגנארירט, $720 וואס פארבלייבט איז נייע איינקונפט.
- $720 – $150 חודש'ליכע געווענליכע אראפרעכענונג = $570 צוגעפאסטע גראוס איינקונפט (Adjusted Gross Income, AGI)
- $570 – ($1,800 + $158.00 N&T + $25.10 סומע פאר ענערגיע) = $1,413.10- דעפיציט
- די קליענט'ס טייל אינעם רענט איז 30% פון די גראוס איינקונפט: $2,000 x 30% = $600.00
- HASA באצאלט די איבעריגע באלאנס פון די רענט, $1,400.00, דירעקט צום לענדלארד.
- פארבליבענע איינקונפט נאכן צאלן רענט ($30- = $600 – $570 AGI דעפיציט) איז העכער פון די ניו יארק סטעיט שטאפל פון געברויך ($376), דערפאר איז די קליענט בארעכטיגט פאר א $376 קעש גרענט.

אין יעדע פעלער, וועט א באזונדערע באשלוס וועט ווערן געמאכט פאר SNAP און Medicaid.

## (מישט די בלאט)
## HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

### בענעפיטן *(פארגעזעצט)*

### פעלער ביישפילן *(פארגעזעצט)*

**ביישפיל E: קליענט הייבט אן א נייע דשאב יאנואר 1, 2025, פארדינענדיג א גראוס איינקונפט פון $4,000 א חודש.**

חודשליכע רענט = $1,800

די יערליכע גראוס איינקונפט איז $48,000 ($4,000 x 12 חדשים), וואס איז העכער 200% פון די FPL פאר א איין-מענטש הויזגעזונד ($30,120 = 200% x $15,060 FPL).

די קליענט איז נישט בארעכטיגט פאר 100% EID.

די קליענט קען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר די 64% EID.

- ($4,000 א חודש x 64% איגנארירונג) = $2,560 ווערט איגנארירט, $1,440 וואס פארבלייבט אין נייע איינקונפט.
- $1,440 – $150 חודש'ליכע געווענליכע אראפרעכענונג = $1,290 צוגעפאסטע גראוס איינקונפט (AGI)
- $1,290 – ($1,800 רענט + $158.00 N&T + $25.10 סומע פאר ענערגיע) = $693.10- דעפיציט
- די קליענט'ס טייל אינעם רענט איז 30% פון די גראוס איינקונפט: $4,000 x 30% = $1,200.00
- HASA באצאלט די איבעריגע באלאנס פון די רענט, $600.00, דירעקט צום לענדלארד.
- פארבליבענע איינקונפט נאכ'ן צאלן רענט ($1,290 AGI – $600 = $690) איז העכער פון די NYS שטאפל פון געברויך ($376), דערפאר באקומט די קליענט נישט קיין קעש גרענט.

## (מישט די בלאט)
## HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

### קעיס מענעדזשמענט

**קען איך ברענגען אן אדוואקאט מיט מיר צו מיין אפוינטמענט?**

**יא.** איר קענט ברענגען אן אדוואקאט אדער פארשטייער מיט אייך צו אייערע אפוינטמענטס. אייער אדוואקאט וועט זיך דארפן אידענטיפיצירן ביי די רעסעפשאן דעסק צו באקומען א טיקעט אלץ א באזוכער. אין צוגאב, וועט איר דארפן אונטערשרייבן א HIPPA ארויסלאזונג פארם צו אונז ערלויבן צו איבערשמועסן אייער קעיס מיט די אדוואקאט. איינמאל איר שטעלט צו די HIPPA ארויסלאזונג פארם און איר האט געמאלדן פארן אגענטור שריפטליך אז איר האט געשאנקן די אדוואקאט ערלויבעניש אויסצופירן קעיס טראנזאקציעס אין אייער נאמען, וועט די אדוואקאט קענען באקומען קעיס אינפארמאציע און דאקומענטן פון אייער קעיס רעקארד. פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי אויסצופילן א HIPPA, ביטע קוקט אויף די אויטאריזאציע פארן ארויסלאזונג פון העלט אינפארמאציע און געהיימע HIV-פארבינדענע אינפארמאציע: **DOH-2557**.

**וויאזוי פארמאך איך מיין קעיס?**

אויב איר ווילט מער נישט אנטיילנעמען אין די HASA פראגראם, מוזט איר מעלדן פאר אייער קעיסווארקער פערזענליך אדער אויפן טעלעפאן. כדי צו דאקומענטירן אייער פארלאנג וועט איר ווערן געבעטן צו אויספולן א סטעיטמענט פון נישט-אנטיילנעמונג פארם.

**קען איך אויסוועלן א קעיסווארקער?**

קעיסווארקער באקומען קעיסעס באזירט אויף א ארומטוישונג סיסטעם. פונדעסטוועגן, קענען קליענטן מעגליך זיין ערלויבט צו טוישן זייער באשטימטע קעיסווארקער אויפן פארלאנג, מיט א גוטע סיבה, מיט ערלויבעניש פון די צענטער דירעקטאר אדער HASA ארדמיניסטרעיטאר.

**וויאזוי קען איך טוישן מיין דזשענדער אויף מיין CIBC קארטל?**

- ביטע באמערקט אז זייט אפריל 30, 2015, טוען ניו יארק סטעיט אלגעמיינע בענעפיט אידענטיפיקאציע קארטלעך (oCBIC) מער נישט האבן א דזשענדער אנצייכענונג.
- כדי צו טוישן אייער דזשענדער אין אייער Medicaid אקאונט און\אדער אייער קעיס רעקארד דארפט איר אונז צושטעלן מיט איינע פון די פאלגנדע דאקומענטן צו באשטעטיגן אייער נייע דזשענדער:
  - געבורט סערטיפיקאט\געטוישטע געבורט סערטיפיקאט
  - געריכט באפעל (בלויז פאר נאמען טויש)
  - ניו יארק סטעיט דרייווערֿ לייסענס
  - ניו יארק סטעיט נאנ-דרייווער ID
  - בריוו פון סאושעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע
  - מעדעצינישע צעטל (בלויז פאר דזשענדער פארריכטונג)
  - הייראט לייסענס (בלויז פאר נאמען טויש)
  - פאספארט
- די וויכטיגסטע טריט איז צו זאמלען די דאקומענטן. איימאל מיר האבן די נויטיגע דאקומענטן, וועלן מיר קענען מאכן די פארלאנגטע טויש.
- פאר מער אינפארמאציע, ביטע קוקט אויף נאמען אין דזשענדער טויש פאר טראנסדזשענדער און דזשענדער נאנ-ביינערי קליענטן: אפט געפרעגטע פראגעס (FAQ).

## (מישט די בלאט)
## HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

### היים באזוך

**ווי אפט זענען היים באזוכן פארלאנגט?**

די אפטקייט פון היים באזוכן זענען באזירט אויף די קליענט'ס אינדיווידועלע געברויכן און די סארט פון האוזינג אין וועלכע די קליענט וואוינט. אונטן זענען די מינימום פארלאנגען פאר היים באזוכן. נאך באזוכן קענען ווערן באשטימט ווי נויטיג:

- פאמיליע קעיסעס ווי עס זענען דא קינדער אונטער די 5 יאר אלט אין די הויזגעזונד זענען פארלאנגט צו ווערן באזוכט איינמאל א חודש.
- פאמיליע קעיסעס וואס וואוינען אין זעלבסשטענדיגע האוזינג, ווי עס זענען דא קינדער אונטער די 5 יאר אלט אין די הויזגעזונד זענען פארלאנגט צו ווערן באזוכט יעדע דריי חדשים.
- איינצעלנע קליענטן וואס וואוינען אין זעלבסשטענדיגע האוזינג זענען פארלאנגט צו ווערן באזוכט יעדע דריי חדשים.
- איינצעלנע ערוואקסענע קליענטן וואס וואוינען אין שטיצנדע האוזינג (ד.מ., איבערגאנג קאנגרעגעט, פערמענאנטע קאנגרעגעט, אדער (צושפרייטע-ערטער) זענען פארלאנגט צו ווערן באזוכט יעדע דריי חדשים.
- אלע קליענטן וואס וואוינען אין עמערדזשענסי האוזינג מוזן ווערן באזוכט כאטש איינמאל פער חודש ביז פערמענאנטע האוזינג ווערט פארזיכערט.
- א טראנספער באזוך דארף ווערן געמאכט אינערהאלב זיבן ביזנעס טעג פון ווען די קעיס ווערט באשטימט צו די נייע קעיסווארקער.

**פארוואס דארף איך א היים באזוך?**

לאקאלע געזעץ פארלאנג אז HASA קליענט ווערן צוגעשטעלט מיט שטארקע קעיס מענעדזשמענט און ווערן אונטערגעהאלט אין מעדעציניש-פאסיגע האוזינג. היים באזוכן זענען נויטיג צו פארזיכערן אז HASA קליענטן און זייער פאמיליעס ווערן צוגעשטעלט די בענעפיטן און סערוויסעס פארלאנגט אנצוהאלטן זייער געזונט און זיכערהייט און אז זייער וואוינען אין א פאסיגע ארט.

**וואס איז אויב איך בין נישט אינדערהיים פאר מיין באשטימטע היים באזוך?**

אויב איר גייט נישט זיין אינדערהיים פאר אייער באשטימטע היים באזוך, זאלט איר מעלדן פאר אייער קעיסווארקער צו ווידער באשטימען די באזוך. זיך נישט האלטן צו באשטימטע היים באזוכן קען מעגליך האבן א נעגעטיווע ווירקונג אויף אייער קעיס.

# (מישט די בלאט)
# HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

## האוזינג

### וועלכע סארט פון האוזינג איז דא?

- **עמערדזשענסי האוזינג:** נייע אנגענומענע HASA קליענטן וואס זענען היימלאז קענען פארלאנגען א זעלבן-טאג האוזינג פלאצירונג ביי Service Line, וואס געפינט זיך ביי 400 8th Avenue אין Manhattan. אנדערע קליענטן וואס געפינען זיך אין נויט פון עמערדזשענסי האוזינג קענען באזוכן זייער קעיסווארקער צו פארלאנגען א זעלבן-טאג פלאצירונג. עמערדזשענסי האוזינג ווערט צוגעשטעלט אויף א ציטווייליגע באזיס. געוואנדן אין פאמיליע גרויסקייט און אין יוניטס אוועילעבילעטי, וועלן עמערדזשענסי האוזינג פלאצירונגען זיין אין איבערגאנג שטיצנדע האוזינג, איינצעלנע צימער אקופירונג (Single Room Occupancy, SRO (יוניטס)) אדער פאמיליע עמערדזשענסי אפארטמענטס.
  - <u>איבערגאנג שטיצנדע האוזינג</u>: איבערגאנג האוזינג יוניטס שטעלן צו קורץ-טערמיניגע וואוינונג בלויז פאר איינצעלנע ערוואקסענע. גענצליך-אויסשטאפירטע פריוואטע צימערן ווערן צוגעשטעלט מיט פריוואטע אדער מיטגעטיילטע באדע-צימערן, לאונדזשעס, מאלצייטן אין אלגעמיינע עסן ערטער און פארוויילונג פאסיליטעטן. קעיס מענעדזשמענט שטאב אויפן ארט שטעלן צו צוטריט צו סובסטאנץ באנוץ און גייסטישע געזונט קאונסעלינג, וויאזוי אויך הילף מיט טרעפן פערמענאנטע האוזינג. אנדערע שטיצנדע סערוויסעס קענען מעגליך אויך ווערן צוגעשטעלט.
  - <u>SROs</u>: SRO יוניטס שטעלן צו קורץ-טערמיניגע וואוינונג בלויז פאר איינצעלנע ערוואקסענע און פארפעלקער. SRO יוניטס זענען אויסשטאפירטע פריוואטע צימערן מיט פריוואטע אדער מיטגעטיילטע באדע-צימערן.
  - <u>פאמיליע עמערדזשענסי האוזינג</u>: פאמיליעס ווערן פלאצירט אין אויסשטאפירטע פריוואטע אפארטמענטס.
- **נאנ-עמערדזשענסי שטיצנדע האוזינג:** שטיצנדע האוזינג איז אוועילעבל פאר קליענטן וואס דארפן הילף מיט צוימונגען וואס מאכט עס שווער פאר זיי צו לעבן זעלבסשטענדיג אין די קאמיוניטי. געוויסע מאדעלן פון שטיצנדע האוזינג פארלאנגט אויך א היסטאריע פון היימלאזיגקייט. נאכן אויספולן אן אפליקאציע, וועט די קליענט באקומען אן אינטערוויו מיט א מעמבער פון די פולשטענדיגע געזונט אפשאצונג טיעם (Comprehensive Health Assessment Team, CHAT). דערנאך, טוען HASA קעיסווארקער און האוזינג ספעציאליסטן העלפן בארעכטיגטע קליענטן צו אידענטיפיצירן וועלכע סארט פון האוזינג איז פאסיג פאר זייערע אינדיווידועלע אדער פאמיליע געברויכן. קליענטן וועלן ווערן פלאצירט באזירט אויף פאמיליע קאמפאזיציע, זייערע אינדיווידועלע געברויכן און אוועילעביליטי.
  - <u>קאנגרעגעט וואוינונגען</u>: קאנגרעגעט שטיצנדע האוזינג שטעלט צו א אויסוואל פון אויסשטאפירטע האוזינג מאדעלן פאר אינדיווידועלן און פאמיליעס, אלעס אונטער איין דאך. עס זענען דא שטארקע סאושעל סערוויסעס אויפן ארט.
  - <u>צושפרייטע-ערטער האוזינג</u>: צושפרייטע-ערטער האוזינג פראגראמען שטעלן צו אפארטמענטס וואס ווערן גע'ליעס'ד אינעם נאמען פון די האוזינג פראוויידער. די אפארטמענטס קענען זיין צושפרייט לענגאויס א געוויסע בארא אדער לענגאויס די סיטי. די פראגראמען נעמען אריין ספעציעליזירטע סערוויסעס פאר איינצעלנע ערוואקסענע און פאמיליעס.

## (מישט די בלאט)
## HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

### האוזינג *(פארגעזעצט)*

### וועלכע סארט פון האוזינג איז דא *(פארגעזעצט)*?

- **פריוואטע מארקעט אפארטמענטס:** HASA וועט צושטעלן רענט הילף פאר בארעכטיגטע קליענטן וואס ווילן וואוינען אין פריוואטע מארקעט אפארטמענטס אין זייער קאמיוניטי. קליענטן מוזן זוכן זייער אייגענע אפארטמענט. קעיסווארקער קענען צושטעלן א ליסטע פון אפארטמענטס בראוקערס וואס האבן געהאלפן HASA קליענט אין די פארגאנגענהייט. פונדעסטוועגן, קענען מיר נישט צוזאגן אז די בראוקערס וועלן האבן אווײַלעבל אפארטמענטס סיי ווען. ביטע זעט די FAQ אפטיילונג אויף **[בענעפיטן](#)** פאר מער אינפארמאציע.

### שטיצנדע האוזינג טענענט'ס מעלדונג פון רעכטן

**[NYC אדמיניסטראטיווע קאוד § 21-149](#)**, אויך באקאנט אלץ לאקאלע געזעץ (LL 15) 2022 15 פארלאנגט אז שטיצנדע האוזינג פראוויידער, וואס ווערן צומאל אנגערופן פראיעקט ספאנסערס, וואס זענען אין פארבינדונג מיט סיטי אגענטורן, אזוויי די NYC יומען ריסורסעס אדמיניסטראציע (HRA), צוצושטעלן פאר שטיצנדע האוזינג טענענטס און מעגליכע שטיצנדע האוזינג טענענטס, מיט א טענענט'ס מעלדונג פון רעכטן אין געוויסע צייטן אויפן פארלאנג. די געזעץ איז אריין אין קראפט אום מאי 9, 2022. די געזעץ לייגט נישט צו נייע רעכטן; עס אינפארמירט שטיצנדע האוזינג טענעטס און מעגליכע שטיצנדע האוזינג טענענטס איבער זייער עקזיסטירנדע רעכטן.

די שטיצנדע האוזינג פראוויידערס מוזן צושטעלן די מעלדונג פאר מעגליכע און פערמענאנטע טענענטס:

- אין דער צייט פונעם אינטערוויו
- ווען מען מופט אריין אינעם יוניט צום ערשטן מאל
- ביי יעדע ליעס אדער פראגראם אפמאך באנייאונג
- אויפ'ן פארלאנג

### **[סופארטיוו האוזינג טענענט'ס מעלדונג פון רעכטן טעמפלעיט](#)** (PDF)

אנדערע שפראכן: | [Italiano](#) | [한국어](#) | [Kreyòl ayisyen](#) | [简体中文](#) | [繁體中文](#) | [Русский](#) | [Español](#)
| [Polski](#)[العربية](#) | [Français](#) | [אידיש](#) | [اردو](#)

סיטי אגענטור וואס פירן אן שטיצנדע האוזינג קאנטראקטן מוזן אויספארשן קלאגעס וואס זיי באקומען איבער א האוזינג פראוויידער'ס פארפעלונג צוצושטעלן די מעלדונג ווען עס איז פארלאנגט. אויב א אגענטור באשטימט אז א קלאגע איז גילטיג (באשטעטיגט), איז די אגענטור פארלאנגט ארויסצוגעבן סומאנס קעגן די האוזינג פראוויידער פאר די גילטיגע אדער באשטעטיגט קלאגע פארלעצונג און צו באריכטן געוויסע קלאגע אינפארמאציע אויף די אגענטור'ס וועבסייט.

די קלאגע אינפארמאציע וואס ווערט באריכטעט מוז אריינרעכענען:

- די אידענטיטעט פון די שטיצנדע האוזינג פראוויידער
- די דאטום ווען די קלאגע איז געווארן אריינגעגעבן
- די דאטום פונעם באשלוס פונעם קלאגע אויספארשונג
- די רעזולטאטן פונעם קלאגע
- די מאל און סומע פון געלט שטראף אפגעשאצט

# (מישט די בלאט)
# HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

## **האוזינג** *(פארגעזעצט)*

### **שטיצנדע האוזינג טענענט'ס מעלדונג פון רעכטן** *(פארגעזעצט)*

אויב א קלאגע ווערט באשטעטיגט, זאל די האוזינג פראוויידער זיין פאראנטווארטליך פאר א ציווילע געלט שטראף פון 250$ פאר יעדע סומאנס ארויסגעגעבן פאר יעדע באשטעטיגטע קלאגע פארלעצונג. פונדעסטוועגן, קען די שטיצנדע האוזינג פראוויידער פארמיידן אפשאצונג פון די 250$ סומאנס געלט שטראף ("היילונג"("cure")) דורך צושטעלן די מעלדונג פארן טענענט אדער מעגליכע טענענט אינערהאלב 14 טעג פונעם דאטום פון די סומאנס. ביטע באמערקט אז, אויסער די באצאלונג פון די 250$ געלט שטראף, איז אן אגענטור׳ס אננעמונג פון באווייז פון א "היילונג" נאכאלץ א אנערקענונג פון פאראנטווארטליכקייט פאר אלע צוועקן און די אינפארמאציע מיט די באשטעטיגטע קלאגע פארלעצונג וועט ווייטער ווערן באריכטעט אויפן אגענטור׳ס וועבסייט.

געהיימקייט איז זייער וויכטיג און די אידענטיטעט פון די מענטש וואס האט אריינגעגעבן די קלאגע ווערט קיינמאל נישט פארעפנטליך צום פאבליק. אויב איר האט שוועריגקייט מיט באקומען א קאפיע פון די שטיצנדע האוזינג טענענט׳ס מעלדונג פון רעכטן דורך עס פארלאנגען פון אייער האוזינג סערוויס פראוויידער, פארבינדט זיך מיט אייער HASA קעיס ווארקער אדער רופט 311 צו אריינגעבן א קלאגע.

### **וועט HASA באצאלן פאר מיין נייע אפארטמענט אויב איך וויל זיך אריבערציען?**

- אויב איר וואוינט יעצט אין א אפארטמענט און איר ווילט זיך אריבערציען, דאן פארלאזט נישט אייער יעצטיגע אפארטמענט איידער עס איבערשמועסן מיט אייער קעיסווארקער. אייער קעיס ווארקער וועט ארבעטן מיט אייך צו באשטימען די סארט פון האוזינג וואס וועט דאס בעסטע נאכקומען אייער געברויכן. אונזער ציל איז אייך צו העלפן מיט אנהאלטן א סטאבילע, מעדעציניש פאסיגע און אפארדעבל האוזינג.
- אויב איר זענט היימלאז אדער אין א באלדיגע געפאר (מיט א דאקומענטירטע לעבנס געפארפולע סיטואציע אדער געזונט און זיכערהייט געפאר), קענט איר ווערן פלאצירט אין צייטווייליגע האוזינג בשעת׳ן זוכן פאר א נייע אפארטמענט. ביטע פארבינדט זיך מיט אייער קעיסווארקער.

## (מישט די בלאט)
## HASA אפט געפרעגטע פראגעס (FAQs)

**האוזינג** *(פארגעזעצט)*

**וואס זענען די רענט אנווייזונגען פאר נייע זעלבסשטענדיגע האוזינג?**

אונטער די רענט אנווייזונגען, ווענדט זיך די סומע פון רענט וואס HASA וועט באשטעטיגן אויף די הויזגעזונד צוזאמשטעל פון די HASA קעיס. די צאל שלאף צימערן וואס וועט ווערן באשטעטיגט ווענדט זיך אויף די צאל מענטשן אין די הויזגעזונד, זייער פארבינדונג, יארגאנג, דזשענדער און אנדערע פאקטארן. די רענט אנווייזונגען זענען נישט א פארזיכערונג און זענען אויסגעשטעלט צו טוישונגען.

די HRA רענט הילף פראגראם איז נישט CityFHEPS אדער וואוטשער פראגראמען. אויב די אפארטמענט אין וועלכע די קליענט איז אינטערעסירט אין ווערט באשטעטיגט, וועט HASA באצאלן רענט דירעקט צום לענדלארד אדער פראפערטי מענעדזשער. אויב א קליענט האט איינקונפט אויסער קעש הילף, וועט די קליענט געווענליך זיין פאראנטווארטליך צו באצאלן 30% פון זייער איינקונפט פאר רענט.

די רענט זאל אריינרעכענען הייצונג און הייסע וואסער ביי א מינימום, אויסער פאר אפארטמענטס באקומען דורך NYC האוזינג קאנעקט און אנדערע NYC האוזינג לאטעריעס. אנדערע אויסנאמען קענען אויך ווערן געגעבן אויף א קעיס-ביי-קעיס באזיס. אנדערע אויסנאמען קענען אויך ווערן געגעבן אויף א קעיס-ביי-קעיס באזיס. באשטעטיגונג וועט זיין טעלילוייז געוואנדן, אויף אן אפארטמענט אינטערזיכונג.

**באמערקונג**: פאר קעיסעס מיט דאקומענטירטע אויסערגעווענליכע אומשטענדן, איז די גרויסקייט פון די קליענט'ס הויזגעזינד איינע פון מערערע פאקטארן וואס ווען באשטימען די מאקסימום רענט באשטעטיגט דורך די אגענטור אין איר ארויסווייזונג פון רעספעקט. *(ד.מ. צו באשיצן די געזונט אדער זיכערהייט פון די קליענט).*

פאר רענט פארשריפטן גילטיג פון סעפטעמבער 10, 2025, ביז מערץ 31, 2026, ביטע זעהט [HRA ספעציעלע סערוויסעס רענט באצאלונג פארשריפטן (Special Services Rent Payment Guidelines) גילטיג פון 9/10/2025]. פאר רענט פארשריפטן גילטיג פון אפריל 1, 2026 און ווייטער, זעהט [HRA ספעציעלע סערוויסעס רענט באמאלונג פארשריפטן].

**דארף מיין קעיסווארקער אונטערזוכן א נייע אפארטמענט וואס איך וויל דינגען?**

יא. צו א האוזינג יוניט איז שוין יא אדער נישט געווארן אונטערגעזוכט דורך א צווייטע איינהייט, דארף אייער קעיס ווארקער אויספירן זייער אייגענע אונטערזוכונג איידער עס ווערט באשטעטיגט פאר רענט הילף.

**וויאזוי וועט מיין לענדלארד ווערן באצאלט?**

אויב א מענטש איז בארעכטיגט און די רענט און ליעס ווערן באשטעטיגט דורך HASA, וועט די קליענט'ס לענדלארד אדער פראפערטי מענעדזשער זייער אגענט וועט באקומען טשעק צוויי-וואכיגע באזיס. יעדע צוויי-וואכיגע צייט אפשניט, וועט די לענדלארד באקומען איין בעיס רענט באצאלונג. אויב די קליענט איז אויך בארעכטיגט פאר די HASA רענט סובסידי, וועט די לענדלארד באקומען נאך א HASA סופלעמענטל באצאלונג יעדע צוויי-וואכיגע צייט אפשניט.